STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04167

BERG UN VISTE

A. Reuveni

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-04167-X

D:\YIDDISH\TITLES\9780657041670T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

(ה) – 108

א. ראובני

בערג און וויסטע

(לידער)

ירושלים תרע"ה
דפוס "אחדות"

אינהאלט:

I. מזרחישע מאטיוועז.

א שטיין	9
פריהמארגען	11
אין מיטען נאכט	14
יענע טעג, יענע נעכט	15
זי	16
אין אוועגד	17
אַזרא	18
די פייע	19
באַלאַדאַ	21
כאַדש מוסאַ	23
טרערען	25
דער פַלַח	27
אין די בערג פון יהודה	29
בעגריסינג	33
פְלֶשֶת	35
א וויג-ליד	37
א וועכטער׳ס וואונש	39
צו די געפאלענע	41
יפתח	43
ירמיהו	45
יונה	47
דער אַסאַסין	54
אִישטאַר און אַלאַט-ערעשקיגאַל	58

II. לירישעס.

כ'האב דיך בעגעגנט אומגעריכט — 69

א דינינקע, א בלייבינקע — — — — 70

ד' איז געווען, ווי מוטער-ערד — — — 71

די גליטשיגע וועגען — — — — — 72

מיידעל-קאפ — — — — — — — 73

פריהלינג — — — — — — — 74

דאס שיפעל — — — — — — — 76

פון וועגען איהרע שעהנע אויגען — — 77

צו... — — — — — — — — 78

וואנדער-פויגלאך — — — — — — 79

ווען כ'זיץ מיר אליין — — — — — 80

דער לאבענדער פילאָסאָף — — — — 82

צו די קלאגעדיגע — — — — — — 85

אַוואַנטיורסטען — — — — — — 87

צווייי מדינות — — — — — — 89

דערנאך וועט זיין עפעס — — — — 91

אין מדבר — — — — — — — 92

די אפגרונדען — — — — — — 97

פון גרוב — — — — — — — 100

III. מיניאטיורען.

כוואליע איין, כוואליע אוים — — — 105
דער קוש — — — — — — — 111
מיין דאמע — — — — — — — 115

מזרחישע מאטיווען

א שטיין

דער גארטען אנ'אלטער, פיעל בוימער און גראז,
די לופט איז א שטילע—קיין תנועה, קיין בלאז.
געדאנקען צוגעהען, פערשווינדען ווי טראפענס,
ס'איז רוהיג, ס'איז גוט... ס'ליגט א שטיין מיר צוקאפענס,
פערזונקען אין דר'ערד און בעוואקסען מיט ערד,
אנ'אייביגער עדות—ער שווייגט נאר און הערט.
א בוים איבער מיר—ווי א סכה די בלעטער,
געדיכטע און שווארצע... די שעה ווערט אלץ שפעטער...
ס'לויפט איבער א ווינטעל—עס מורמעלט דער בוים,
א שלעפעריג מורמעל—עס הערט זיך קוים־קוים.
עס לויכט זיך א שטיקעל לבנה א בלייכער
אנ'איינזאמער שערבעל, פון עפעס א זכר.
דער שטיין, וואס צוקאפענס—מיר קענען זיך ביידע!
איך וויים, נעבען איהם פלעגט נאך רוהען מיין זיידע.
„וואס, הארט בין איך?—ברומט ער,—כ'בין אלט שוין געווארען
און הארט פון דער עלטער. איך ליג דא שוין יאהרען,
שוין טויזענדער יאהרען. כ'האב אלעס געזעהן,
וואס דא איז געוועזען, וואס דא איז געשעהן.
די הייליגע שטאט!.. די פערגאנגענע וועלטען!..

אמאל פלענען שטעהן ארום מיר דא געצעלטען,–
דיין אור־עלטער־זיידע פלעגט קומען אהער
צו אויסהאקען פייער, צו שארפען געוועהר.
דערנאך האט מען הייזער געבויט דא און הויפען,
דערנאך זיינען פרעמדע געקומען... אנטלויפען?
אוועק איז דיין זיידע און איך בין אליין
געבליבען דא ליגען–וואוהין זאל איך געהן?
פון דאן בין איך עלענד. דאס הארץ מיינס איז קעלטער,
און שטייפער, און הארטער געווארען פון עלטער.
עס רוקען זיך דורות צוריק און צוריק,
נאר איך בין ווי פריהער–איך קוק נאר און ליג..."
דאס ברומען פון שטיין איז א ליבליכער נגון
און–הארט צי ניט הארט–איך האב האלד צו ליגען.
– מיין שטיין! כ'בין פון וויטען געקומען דיך זעהן,
האסט מיך ניט פערגעסען, דו זאגסט: „איך דערקען!"
עס מישען זיך דיינע זכרונות מיט מיינע...
די נעכט, ווי פערצייטענס, פער'כשופ'טע, פיינע...
די זעלביגע שטערען... זיי קוקען אראפ...
עס ליגט אויף דיין ברוסט אזוי רוהיג מיין קאפ...

פריהמארגען

1

כ׳זעה דארט שלעסער, כ׳זעה דארט מויערען,
כ׳זעה, פאלאצען בלאנקען ווייס,
כ׳זעה דארט פעסט־געבויטע טויערען,
דעכער גלאנציגע, ווי אייז.

2

כ׳זעה דארט טורעמס הויכע, שפיציגע,
שמאלע פענסטער קוקען קרום—
דארטען זיצען ריטער היציגע,
ווארטען נייגיריג און שטום.

3

ווען א סוחר וועט פארבייפאהרען
מיט א גמלים־קאַראַוואַן
וועלען זיי ס׳געוועהר פערשטייפערען,
כאפען פערד און—היט זיך דאן!

4

און ס׳פערשווינדען באלד די פרעכטיגע
הויכע טורעמס, דיקע ווענד—

כ׳זעה דארט שניי־בערג, הערליך־מעכטיגע...
אה, דער שניי—ער גליהט און ברענט!

5

הרודעס ריזיגע, פערפרוירענע,
וויס־געקליידעט, שט־ענג און פראסט,
קיינע לעבעדיג־געבוירענע,
קיינע ברואים... טויט און פראסט!

6

אַלפּען זיינען דאס פערקעלטערטע
דורך אנ׳אייביג ווינטער־פרעס,
ס׳איז די ערד, נאר א פערעלטערטע,
נאקעט, ריהרלאז, ווי א מת.

7

און איך זעה: די בערג צוגעהען זיך
און די טויטע וועלט פערשווינדט.
ברעקלאך וואלקענס לאנגזאם דרעהען זיך,—
ס׳טרייבט זיי, ס׳יאגט דער מארגען־ווינד.

8

ניט קיין טורעמס, ניט קיין מויערן,
ניט קיין שניי־בערג, זעה איך יעצט,—

א, נאך זיי וועל איך ניט טרויערן—
כ'זעה דאס שעהנסטע בילד צולעצט!

9

כ'זעה די בלויע בערג פון יענער זייט
פון דעם מדבר, פון דעם ים,
כ'הער, זיי זאגען: „קינדער, מענער זייט!
גרויס און אלט איז אייער שטאם!"

10

דעם געבאט, דעם וואונש דעם דאזיגען
היטען אף די מדבר־זין
פון דעם בָּשָׁן פון דעם גראזיגען
ביז דעם וויסטען מדבר צין.

11

כ'זעה די בלוי־געדיכטע וואסערן
פון דעם טיפען ים פון זאלץ,
און דעם הימעל־דעק דעם בלאסערן...
ס'בלאנקט די זון און העל איז אלץ!

אין מיטען נאכט

1

א שווארצער שאטען פילט אן די גאסען,
א שווארצער שאטען פון מיטען נאכט,
נאר זעלטען זעה איך א שיין א בלאסען,
וואס וויל צורייסען נאכט׳ס טויטע מאכט.

2

עס רוהט א שטילקייט, עס הערשט א שוויינגען,
די נאכט—זי לויערט, זיווארט, זי טראכט,
די שטערען ווינקען, די שטערען לייגען,
די בלייכע שטערען פון מיטען נאכט.

3

א טיפע בלויקייט הילט איין די הימלען,
א טרויער־בלויקייט פון מיטען נאכט.
בלייך שיינט די לבנה... די שטראלען דרימלען,
פער׳חלומ׳ט פליסען—אין שטומער פראכט.

4

ירושלם! דו שטאט פון שטיינער!
איך וויים, דו הערסט מיך... צו דיר מיין שיר!
א, היימלאנד׳ס הימעל—דו, בלויער, ריינער,—
ביסט וויט און נאהענט... ביסט נעבען מיר!..

יענע טעג, יענע נעכט

(געווידמעט מ. ק.)

יענע טעג, יענע נעכט—שוין ניטא, שוין פארביי,
מעק זיי אויס פון דיין הארץ, ברען זיי אויס, מאך עס פריי!
לאז ניט בלייבען קיין שפור, זאל קיין זכר ניט זיין
פון די טעג, פון די נעכט—זייער צויבער און פיין.
אין פערגאנגענהייטס־תהום, וואו ס'איז פארבלאז און שווארץ
ווארף ארויס יענע טעג, יענע נעכט פון דיין הארץ.
אה, געדענקען איז שווער! און פערגעסען—ניין, ניין!
יענע טעג זיינען שעהן, יענע נעכט זיינען ריין.
כ'הער, עס זינגט נאך דיין קול... כ'זעה—איך זעה נאך דיין בליק...
כ'פיהל דעם ריהר פונ'ם טרוים, כ'שפיר דעם שאטען פון גליק.
די לבנה—געדענקסט?—איז דאן ליכטיג געווען,
האסט געזעהן אונזער לאנד, האסט די הימלען געזעהן,
און די בערג פון יהודה—ווי מעכטיג און גרויס!
יענע טעג, יענע נעכט—ניין, איך מעק זיי ניט אויס!..
האסט צוזאמען מיט אונז נאר איין רגע געלעבט,
דו האסט אנדערש געפיהלט, דו האסט אנדערש געשטרעבט,
נאר איך וויים, אז דו וועסט ניט פערגעסען אצינד
יענעם לאנד, וואו דיין פאלק האט געלעבט, ווען א קינד.
יענע טעג, יענע נעכט!—וועט פערשוואונדען און גיך,
נאר איך קאן ניט פערגעסען ניט זיי און ניט דיך!

זי.

מענשען, מענשען—פול די וועלט,
אהן א צאל, ווי פיש אין ים.
וועלט?—ס'איז נאר א קליין געצעלט
און די מענשען—מענשען סתם.

מענשען, איבעריג זייד איהר,
אהן א זין און אהן א טעם...
זי, אָ, זי איז ווייט פון מיר!..
זאגט, וואו איז זי, מענשען־סתם?

אין אווענד

1

און נאך א ליד וועל איך דיר ווידמען.
דאס לעצטע ליד? איך ווײס ניט... ניין!
עס קומען פלוצלונג: קלאנגען, ריטמען,
און ווערטער וועבען זיך אליין.

2

ס'איז שטיל די פינסטערניש פון אווענד
און שטילער נאך וועט זיין די נאכט.
איך וועל א חלום זעהען שלאפענד
און, אפשר, טרוימענד, האלטען וואכט.

3

מיין אויג וועט זוכען יענע אויגען
מיין אויער הערען יענעם קול...
דאס אלץ איז לאנג פארבייגעפלויגען,
א פאַנטאָם—איצט, א טרוים—אמאל.

4

און עפּעס וועל איך זעהן א ווען...
א בליק—און אויס!.. נאכט'ס שטומער דראנג...
און דאך איז ווירקליכקייט געוועזען
אין יענעם שיין, אין יענעם קלאנג!

אַזראַ

(הײנע)

יעדען אװענד איז געגאַנגען
דעם סולטאַנ'ס בילד־שעהנע טאָכטער
צום פאָנטאַן, אװאו עס פליסען
װײסע, קװעלענדיגע שטראָמען.

יעדען אװענד איז געשטאַנען
בײ די קװעלענדיגע שטראָמען,
בײם פאָנטאַן, א קנעכט א יונגער—
װאָס א טאָג געװאָרען בלײכער.

אײנמאָל נעהנט זיך די בת־מלכּה
צו דעם דינער אומגעדולדיג:
„װיסען װיל איך װי מען רופט דיך,
און דײן שבט, און דײן הײמלאַנד?"

זאָגט דער קנעכט: „איך הײס מחמד,
און מײן פאָטערלאַנד איז תימן,
און איך שטאַם פון יענע אַזראַ,
װעלכע שטאַרבען, װען זײ ליבען".

די פייע

(א וואולכישע מעשה)

(מ. גארקי)

אין וואלד, ארום טייך, האט א פייע געלעבט,
אין טייך מיט די פישער געררייצט זיך,
און איינמאל, ווען זי האט זיך פרעהליך געשפילט
האט זי אין די נעצען פערדרעהט זיך.
די פישער–זיי האבען דערשראקען זיך גאר!
נאר מארקא איז דארטען געוועזען
און ער האט די פייע די שעהנע געכאפט,
געקושט זי, און אלעס פערגעסען.
זי האט זיך געווארפען ביי איהם אין די הענד
און ווי א דין צווייגעל געבויגען,
און פאר זיך געשמייכעלט, און שטיל־שטיל געלאכט,
און מארקא'ן געקוקט אין די אויגען.
א גאנצענעם טאג האט זי מארקא'ן געגלעט,
נאר באלד ווי די נאכט האט פערטריבען
דאס ליכט פון דער זון, איז די פייע אוועק
און מארקא איז איינזאם געבליבען.
און מארקא געהט אום דורך די טעג, דורך די נעכט

אין וואלד, נעבען טייך, ביי די ברעגען,
און רופט זי, און זוכט זי: „די פייע איז וואו?“
און ס'לאכען די כוואליעס אנטקעגען.
„ווער ווייס דאס?“—זיי זאגען. ער שרייט זיי: „איהר ליגט!
איהר שפּילט זיך אליין מיט איהר אונטען!“
און ס'וואַרפט זיך דער בחור אין וואסער אריין,
און ווערט אינ'ם אפּגרונד פערשוואונדען.
די פייע האט וויטער געשטיפט אינ'ם טייך,
די שפּאסען, ווי פריהער געטריבען.
ניטא, מעהר נישט, מארקא... ניטא, אבער, פארט—
א ליד איז פון מארקא'ן געבליבען.

— — — — — — — — — — — —

און איהר וועט, ווי ווערים, די וועלט איבערגעהן,
אין דר'ערד, ווי די ווערים, פערזינקען—
קיין מעשיות וועט מען ניט דערצעהלען פון אייך,
קיין לידער וועט קיינער ניט זינגען.

באלאדא

(איוו. טורגענעיו)

פאר דעם שופט שטעהט ער, בייז און שטום, אהן ווערטער,
און, דעם קאפ געבויגען—זיינע שפאסען הערט ער.
ס׳מאנטעל פון די פלייצעס איז אראפגעריסען,
פון די ברייטע וואונדען רויטע טראפענס פליסען.
און די הענד געפענטעט, און די פיס אין אייזען,—
מעהר וועט ער זיין גבורה אין דעם וואלד ניט ווייזען.
שטהעט ער א פערטראכטער, אטעמט קורץ און שווער.
שלעכט! אויף גוטע צייטען ווארט ער שוין ניט מעהר.
„וואס, מען האט געפאקט דיך? לאנג האט דאס געדויערט,
לאנג האב איך, אהן מזל, אויף דעם וואלף געלויערט.
וואס זשע שווייגסטו איצטער? כ׳האב געהערט, מיין העלד,
אז דו ביסט א זינגער—איינס גאר אין דער וועלט.
נאר עס זינגט זיך דיר ניט, זעה איך, היינטיגס מאל?
גוט מיר וועלען מארגען צוהערען דיין קול״.
ענטפערט יענער כמורנע: „ווערסט ניט הערען, ניין!
כ׳וועל ניט זינגען מארגען, ווען עס קומט מיין נויט—
שטארבען וועל איך מארגען מיט א ביטער טויט—
פראווען וועסטו זמירות פאר גרויס פרייד אליין...
מיר—מיר פלעגען זינגען, געהענדיג פון וואלד,

פיהרענדיג מיט סחורה סוחרים איבערגוואלד.
דאן וואלסטו אונז הערען–עך, אט יענע שירים!
נאר ניט לאנג זיך קוויקען פלעגען סוחרים־גבירים...
און ביי דיר אין הייזעל פלעג איך לידער זינגען,
און מיט דיינע ווינען פלעג איך זיי פערטרינקען,
און מיט דיינע עסענס איינשטילען דעם הונגער,
אין זיך קושען־האלזען–מיט דיין ווייב דער יונגער..."

כאַדש מוסאַ

1

אומזיסט האט כאַדש מוסא געוואַרט און געלויערט
דער דרך המלך איז לעדיג און שטום.
ער האט ניט קיין מזל. ווער ווייס וויפיעל ס'דויערט
די צייט וואס ער וואנדערט דא נוצלאז ארום.

2

זיין פּנים איז פינסטער, ער בלאנדשעט אהן ווילען
„אַלְלַהּ!—זאגט ער שטיל—האסט פערלאזען דיין קנעכט.
איך ווייס ניט דיין רצון, דיין מיין, דיינע ציעלען...
אללה, איך וויל לעבען! אללה, איך האב רעכט!

3

„אללה! כ'האב קיין מעקא געריזט דורך דער וויסטע
פון ווייטען אלזשיר... כ'האב קיין מיה ניט געשווינט—
געהייליגט דיין נאמען... און איצטער—וואו ביסטו?
איך זעה ניט דיין הילף—האסט מיך דען שוין בעלוינט?

4

„איך האב, גלייך ווי אלע, געשטופּט און גערוקט זיך
צום קאַבּאַ, דיין שווארצען, דיין הייליגען שטיין,
איך האב פאר דעם קאַבּאַ געקניעט און געבוקט זיך,
און האב איהם געקושט און געבענשט מיט געוויין..."

5

כאדש מוסא פערזינקט אומבעמערקט אין אדרעמעָ.
נאר גרינג איז זיין שלאף. קוים א קלאנג איז ער וואַך.
ער עפענט די אויגען און זעהט—ס'פיהרט א קעמעל
א קליינער, א געלער, א מידער פַלַח.

6

שטיל געהט דער פלח. אויף די פלייצעס דער שטעקען,
פערוואָרפען א־הינטער די הענד איבער איהם,
איין ארבעל שטעהט אָפ... די נאראַנים פערשטעקען
דאס געלד אין די ארבעל... וואָללאַ איל אַזים!

7

דער כאדש קוקט זיך אום און בעטראכט אלע וועגען.
עס זעהט זיך ניט קיינער, ס'איז לעדיג ארום.
און פארזיכטיג צילט ער דעם קרבן אנטקעגען,
און פלוצלונג—א קורצער, אנ'איילענדער „בום"...

8

דער מענש איז געפאלען. עס דרעהט נאך די גלידער,
עס ציהט זיך א שנירעלע בלוט פון דאס מויל...
א פעקעל מיט זאלץ פאלט פון ארבעל א־נידער.
כאדש מוסא שפייט אויס: „ס'איז א שאָד נאר די קויל!"

טרערן

(לויט אנ׳אראביש פאלקסליעד)

זי האט אויף מיר געקוקט, זי האט געפרעגט מיך דאן:
„פארוואס זיינען, פארוואס—די טרערען דיינע ווייסע?
וואס פלאנט דיין ארים הארץ? דערצעהל מיר, אלטער מאן!"
און איך האב איהר געזאגט: „דאס איז אנ׳אלטע מעשה...

„איך ווין שוין לאנג אזוי... א יאהר לויפט נאך א יאהר...
אהן אויפהער רינען זיי—די טרערען פון מיין טרויער.
דו זעהסט, זיי זיינען וויס, ווי מיינע אלטע האר.
עס האט זיי גלייך געבלייכט דער בייזער יאהרען־דויער".

זי האט אויף מיר געקוקט, זי האט צו מיר געשטרעקט
מיט מיטלייד און מיט פיין די הענד איהרע די דינע,
און געהנטער איז זי צו, און שטילערהייד געפרעגט:
„פארוואס זיינען, פארוואס--די טרערען דיינע גרינע?"

„דו ווייסט דען ניט, מיין קינד, דו ווייסט ניט, אז דער קוואל,
וואס האט אזוי פיעל צייט געבווירען מיינע טרערען
איז טרוקען און ערשעפט... איך ווין אצינד מיט גאל...
זיי מוזען גרינע זיין, זיי מוזען גאליג ווערען..."

זי האט געוויינט מיט מיר, עס איז איהר טיף אין הארץ
אריין דער גרויסער צער... זי האט געפרעגט מיך ווידער:
„א, זאג מיר, אלטער מאן, פארוואס זיינען זיי שווארץ—
די טראפּענס פון דיין אויג, וואס פאלען לאנגזאם נידער?"

„בויג איין דעם קאפּ, מיין קינד, אה, נידעריגער בויג...
ס'מעג יעדער טרעטען אונז, ס'קאן יעדער אונז פערשטיינען.
די טראפּענס זיינען שווארץ? דאס שווארצע פון מיין אויג—
דאס ווין איך אויס אצינד!.. און מעהר וועל איך ניט וויינען!.."

דער פַּלַח

(געווידמעט י. בן-צבי)

1

און ווען איך זעה זיין שוויינגעדינגען פּנים,
זיין אדלער־נאז און זיין פעדטראכטען בליק—
דאן דוכט זיך מיר... מיר דוכט זיך, אז איך קאן איהם,
ב'האב איהם געקאנט יאהרטויזענדער צוריק...

2

ס'האט איבער איהם געשוועבט דער צייטען־דוויער,
און טעג, און יאהרען—יאהרען אהן א צאל,
און ער איז אלץ דער זעלבער הירט און פויער,
זיין גאנג, זיין בגד—איצטער, ווי א מאל.

3

ער'ט אלץ פערלוירען, וואס א פאלק קאן האבען:
די גלויבונגען, זכרונות און די שפּראך,
דעם עבר אין פערגאנגענהייט בעגראבען,
און ער איז אלץ—דער זעלבער פַּלַח!

4

בעת ס'האט רעגירט יהוה און די מלכים,
די פרעמדע הערשער און, דערנאך, אַלְלַה,

דערנאך די קרייצפיהרער און די גלחים—
ער איז געווען דער זעלביגער פלח!

5

און ס'געהט פארביי דער רעש און דער געטימעל,
דאס לאנד רוהט אפ פון בלוט, פון רויב, פון שלאכט,
די בערג שטעהן שטיל... ס'איז ווידער קלאר דער הימעל
און ווידער זייהט ער, שווייגענד און פערטראכט.

6

געשמידט צום באדען דורך געהיימע קייטען,
פון אייביג אן געבונדען צו דער ערד,
ער וויים נאר זי, זי וויים ניט פון א צווייטען,
ס'געהט אלץ פארביי—ד ע ר בונד איז ניט געשטערט!

אין די בערג פון יהודה

אייגגעבוירענער.

...אהער!.. ארויף! פון דאנען... זעהסט דעם געגענד?

טוריסט.

דו זאגסט, ס׳איז שעהן? נאר זאג ניט—דאס איז מילד.
דאס לאנד איז טויט. דאס וויסטעניש איז שרעקענד.
און אלץ ארום איז בייז און גרויזאם-ווילד.
איך פיהל זיך פרעמד. איך בין דא ווי פערלאזען,
און עלענד, קליין, פערוואגעלט פון דער וועלט.
וואס פעהלט מיר דא? עס פעהלען גרינע גראזען,
א שטילער שטראם, א וויטעס, ברייטעס פעלד.

אייגגעבוירענער.

א, פרעמדער, קוק!—דו זעהסט ניט יענע ריזען—
ווי גרויס, ווי שטארק, ווי הערליך זיינען זיי?
נאר ווארט, ניט מיין—כ׳האב דיר שוין אלץ בעוויזען.
דאס לאנד איז גרויס! ווילסט זעהען—געה און געה...

טוריסט.

מיין פריינד, ווי פרעמד דיר קלינגען מיינע ווערטער!
דא איז דיין נעסט, דיין היים, דיין פאטער׳ס הויז.—

צי האסטו ווען געזעהען אנד׳רע ערטער?
און איך—מיך פרעהט, וואס כ׳נעה פארביי דא בלויז.

איינגעבוירענער.

צו וואס ביסטו אהער געקומען ריידען?
דו זעהסט דאס לאנד און קאנסט דאס ניט פערשטעהן.
איך קום צום פעלז, ווי ס׳קומט א קינד צום זיידע;
און דיר איז ער—א הארטער, טויטער שטיין.

טוריסט.

זאל זיין, ס׳איז שעהן,—די שעהנקייט איז א שטרענגע,
זי ווארפט אויף מיר א מורא׳דיגען שרעק.
די פעלזען—הויל, די טאלען—טיפע, ענגע...
א ים פון שטיין, א מדבר אהן א ברעג.
דער הימעל הענגט א ליכטיגער, א ריינער,
נאר קאלט איז ער, און גלייכגילטיג, און ווייט,
און ס׳פלאמט די זון, פערברענט די הוילע שטיינער...
דאס לעבען שטעהט... עס שלאפט די גרויע צייט...
איך פיהל מיך פרעמד... מיין לאנד איז ווייך און ליבליך,
די גרינע לאנקעס ציהן זיך אהן א סוף,
עס בלאנקען ווייס די פויער׳שע שטיבלעך,
עס לאכען בערגלאך הארינע, ווי שאף.

א שווארצעס וועלדעל שאקעלט זיך און זשומעט,
געדיכט, און קיהל, און רוהיג איז ארום,
עס כאפט דיך אן א מאדנע־שטילער אומעט,
דו הערסט זיך צו צו יעדען פייף און ברום.
און גוט איז דאן...

איינגעבוירענער.

אָ, ווייך איז דיין נשמה!
יא, דו האסט רעכט! מיין לאנד איז פרעמד דיין גייסט—
א לאנד פון שווערד, פון בלוט און פון נקמה,
וואו ס׳זיגט נאר דער, ווער גרויזאם איז און דרייסט.
דו קענסט ניט אונז! דו קענסט נאך ניט די מענשען,
וואס וואקסען אויס אין אונזער הארטען לאנד!
א, פרעמדער, ווייס—מיר שעצען און מיר בענשען
נאר דעם, וואס פארבט אין בלוט זיין שטארקע האנד.
ביסט פרעמד די בערג, א, בלייכער זון פון צפון,
דיין שטאם איז אנדערש, אנדערש איז דיין בלוט.
דו געהסט אוועק, דאן שפאסען זיי—אנטלאפען!
דו ביסט א פיינד—זיי וויסען דאס גאנץ גוט.
ביסט פרעמד די בערג און פרעמד וועסטו זיי בלייבען.
זיי היטען ביינ און שטום דיין יעדען ריהר...
און איך—כ׳האב ליב זיך אין די בערג פערקלייבען

און רוהיג ליגען, זינגענדיג א שיר.
און ווען עס רעגענט, ווען עס שטעהען היצען
דאן זוך איך אפ א קיהלע, שווארצע הויל,
די בערג-מיין וואַך... זיי היטען מיך און שיצען,
און וויגען מיך... דאן שלאפט זיך אזוי וואויל...

בעגריסונג

1

איך האב דיך ליב, ירושלם—
דיין היץ, דיין קעלט, דיין רעש און שרייט.
מיין ערשטער כוס—פאר דיר לחיים,
איך קום בעגריסען דיך פון ווייט.

2

איך קום צו דיר פון קאלטען צפון,
די זון ז'דארט קליין, עס הערשט דער פראסט,
בעשנייטע בערג און וועלדער שלאפען—
פון דארטען ברענג איך דיר מיין טאסט.

3

איך ברענג דיר פיעלע, הייסע גריסען
פון די, וואס קאנען ניט אליין
דיך קומען זעהן און דא בעגריסען,
ווי אלטע פריינד, דיין יעדען שטיין.

4

זיי בענקען דארט נאך דיר טאג־טעגליך,
דיין נאמען בלויז איז זייער טרייסט.

זיי ווייסען ניט, ווי אומבעוועגליך,
ווי שטום און גלייכגילטיג דו שטעהסט.

5

נאר מעגליך איז–דו ווילסט ניט צייגען
פאר פרעמדע דיין פערוואונדעט ברוסט–
דאן האסטו רעכט, דאן מוזטו שווייגען
און קוקען גלייכגילטיג–דו מוזט!..

פְּלֶשֶׁת

1

מיר זיינען אראפ פון די בערג פון יהודה—
די מעכטיגע, איינזאמע, הימליכע בערג!
מיר האבען פערלאזען די שטיינערנע הרודע—
יהוה׳ס בעליבטעס בעגייסטערטעס ווערק.

2

די שווארצע, די פינסטערע מיילער פון היילען,
די שמאלע טעראסען, וואס פאלען ווי טרעפ,
פערוואָרפענע חורבות, קאלאנען און זיילען,
און פעלזען, וואס הייבען צום הימעל די קעפ,—

3

מיר זיינען אראפ אין די פעלדער און טאלען—
א ברייטער, א גראזיגער, זאמדיגער פּאַס.
דער סטעפּ איז געבערגעלט, געקנייטשט און געשוואלען—
דאס לאנד פון די פלישתים פון עַזָה ביז גַת!

4

עס זעהען זיך ליימיגע, מיסטיגע שטיבלעך,
ווי ערדענע הויפענס, געזונקען און קליין,—

גיטא יענע נעסטען, וואס קלעפען זיך ליבליך
צום שפיץ פון א בארג – יענע דערפער פון שטיין!

5

עס זעהען זיך הארינגע, שווארצע געצעלטען–
א לאגער פון „עַרַבֿ", וואס וויסען קיין צוים!
די קינדער פון מדבר! עס טרעפט זיך ניט זעלטען
דער הונגער פערטרייבט זיי פון זאמדיגען תהום.

6

און וואו־ניט־וואו בלאנקען געקאלעכטע הייזלאך,
און ס'רויטלען זיך דעבער–וואס איז פאר א נס?
דאס זיינען קאלאניעס... הייפלאך פון וויסלאך,
און היטעלאך רויט, ווי א טערקישער פעס.

7

דאס לאנד פון די פלשתים! א וויטער, א ברייטער,
א גרינער, געקנייטשטער און גראזיגער פּאַס...
א שטילינקער ווינטעלע–ציטעריג וועהט ער
און שוועאט איבער פְּלֶשֶׁת פון עזה ביז גת.

א וויג־ליד

לו־לי, לו־לי, מיין איננעלע,
נענוג שוין שרייען דיר.
לו־לי... האלט איין דיין ציננעלע...
נו, שא! נו, קום צו מיר!

כ׳וועל זינגען דיר א לידעלע,
וועסט וואקסען מיט דעם ליד,
וועסט אויסוואקסען, קליין אידעלע,
וועסט זיין א גרויסער איד,—

ניט וויסען פון קיין ווינדעלאך,
א קינד פון נייעם דור—
עס וועלען פרייע ווינטעלאך
צובלאזען דיינע האר.

וועסט שטיפען, ווי די פויגעלאך
אין עמק יזרעאל,
און ס׳וועלען דיינע אויגעלאך,
ווי דימענטן שיינען העל.

און פון דער ערד דער זעפטיגער
וועסט שעפען כח־מוט,

וועסט בסדר ווערען קרעפטיגער—
א בחור—מילך און בלוט.

ווי העלדען ווי פארצייטיגע—
זיין שטארק, דיין האנד ווי שטאל,
בייהיגע און ביי זייטיגע
בערימט אין גאנצען טאל.

א וועכטער—סט׳פאהרען רייטענדיג
אהן פחד און אהן שרעק.
דער פיינד ט׳ניט וואגען שטרייטענדיג
זיך שטעלען אויף דיין וועגען.

סט׳זיין מזל׳דיג, מיין שעהנינקער,
און פלינק—ווי יגאל!..
לו־לי, מיין העלד מיין קליינינקער,
מיין בלום פון יזרעאל!

א װעכטער׳ס װאונש

(געװידמעט צבי ניסאנאװ׳ן)

1

כ׳װעל זײן שױן אלט, נאר װי א יונגער מונטער,
א גרױע בארד װעט דעקען מיר די ברוסט,
די האנד נאך שטארק, דער קערפער א געזונטער,
נאך פריש און קרעפטיג, פול מיט לעבענס־לוסט.

2

פינף זין װעט זײן בײ מיר און אלע—װעכטער,
װי יונגע פערדלאך עדעל, הײס און פלינק...
פינף זין װעט זײן בײ מיר, פינף זין—ניט טעכטער!
װי װעלף װײטזיכטיג און װי הירשען גרינג.

3

איך רוף זײ צו. איך זאג זײ: „הײדא, קינדער!"
אין אײן מינוט—מיר זײנען אויף די פערד.
און איך—פארױס. איך טרײב דעם פערד געשװינדער.
זײ האלטען נאך—עס טרײסעלט זיך די ערד.

4

דורך בארג און טאל, דורך פעלדער, איבער גריבער...
עס געהען גמלים: „קריכט איך, גמלים, קריכט!.."

און מיר—פארבײַ! א וואסער־שטראם—אריבער!
עס פײַפט דער ווינד און שלאגט אונז אין געזיכט.

5

מיר זעהען א פרײַנד – מיר געבען אפ איהם שלום.
א פײַנד–אנטלויף! פערטרוי ניט אויף קיין נס!
— — — — — — — — — — — —
דאס איז מײַן וואונש, ס'איז מײַן געהיימער חלום,–
א חלום פון א וועכטער א טשערקעס!

צו די געפאלענע

לעבען! וויס, מיר קאנען פאדערען—
ס'שרעקט אונז ניט דיין רוט!
אין די יונגע, שטארקע אדערען
פליסט דאס אלטע בלוט.

פליסט דאס בלוט פון די פארצייטיגע
קעמפער קעגען רוים,
פון קנאים, פון איינזייטיגע
קנעכט צו זייער טרוים.

פליסט—און שטופט צו ווידערשפעניגען,
פליסט—און טרייבט צום שלאכט.
ניין, וועסט איבער אונז נישט קעניגען
טראץ דיין גאנצער מאכט!

ס'טריפט דאס בלוט פון וואונדען זודיגע,
צייכענס פון דיין האנד,—
הייסעס בלוט... די ערד די ברודיגע
זאפט עס נאכאנאנד.

פרוכטבאר ווערען די פערטריקענטע
זאמדען, פעלזען, בערג...

ס'שטעקט דא אונזער האנד זיגענדע
וויים—ס'איז אונזער ווערק
— — — — — — — — — — —

איהר, וואס פיהלט דער אומה'ס בענקעניש
איהר, וואס שאפט און ליידט,
איהר, וואס שמאכטעט אין געפענגניש
איהר, וואס פאלט אין שטרייט,—

תפיסות און מצבות אייערע—
אונזער הייליג וואונד!
וואונדען אלטע, וואונדען נייערע—
בלוט־געשמידטער בונד!

יפתח

בײדע גלײך—די טאכטער און דער פאטער—
הארט און פעסט, װי אױסגעהאַקט פון שטײן.
ער איז שטאלץ, גלױבט זיך, פון אנד'רע שפאט ער.
זי טרױט איהם—נאר איהם און זיך אלײן.

לאנג, אמאל—זײ האבען איהם פערטריבען,
אלע זײ—די ברידער, גוטע פרײנד.
איצט—זײ בעטען: „דו ביסט אונז געבליבען!
דו, נאר דו קאנסט בײקומען דעם פײנד".

— איך? איך קאן!.. דאך, דוכט מיר, איהר האט פריהער
ניט געװאוסט צו רעדען אזױ פײן?
„זײ א רעטער! זײ א פאלקס-בעמיהער!"
— גוט, א האר, א הערשער װעל איך זײן!

— גאט, איך שװער! גיב איבער מיר דעם שונא,
שװאך דאס הארץ זײנס, שטארקער מאך מײן האנד!
זעה! די ערד די נאקעטע, די ברױנע
דורשט נאך שװײס... בעפרײ, א גאט, דײן לאנד!

גאט, איך שװער! איהר הערט מײן נדר, קריגער!
דײנס װעט זײן דאס ערשטע אױף מײן װעג,
װען פון שלאכט איך קעהר מיך אום א זיגער...
דײנס װעט זײן—איך גיב דאס דיר אװעק!

— ווער איז דארט? צוריק! צוריק!.. פערפאלען!
גאט פון זינד!.. מיין טאכטער... אה, מייןווארט!..
דו—די ערשטע... ס׳גורל איז געפאלען...
זעה דיין לוין—יהוה, גאט פון מארד!

א, מיין קינד, מיין קינד, איך האב געשווארען:
ווער צום ערשטען קומט—געהערט צו גאט.
דו—די ערשטע... אה, דו ביסט פערלארען!..
זעה דיין לוין—יהוה, גאט פון שפאט!

„פאטער, פאטער, גרוים איז דיין נצחון!
וואויל איז גאט—דען ער האט דיך געשטיצט!
האלט דיין ווארט, וואס דו האפסט איהם פערשפראכען.
איך בין גרייט, און פרעהליך בין איך איצט.״

ביידע גלייך—דער פאטער און די טאכטער...
איהר געזיכט—בעגייסטערט, פינסטער—זיינס.
ער איז בלייך. דעם וועהטיג אונטעריאכט ער,
לאנגזאם זאגט ער: — גאט! וועסט האבען דיינס!

ירמיהו

ער'ט זיי געזאגט: „פערלאזט ניט, קינדער,
פערוויסטעט ניט דאס לאנד,
דען אומעטום געפינט דעם זינדער
גאט'ס אויסגעשטרעקטע האנד.

„און פון דעם לאנד פון דעם געליבטען
אנטלויפט ניט אין דער פרעמד,—
איהר'ט זיין פערוואגעלט אין עגיפטען,
דערנידריגט און פערשעמט...“

אומזיסט האט ער גערעדט מיט פלאמען,
מיט צארן, מיט האס, מיט פיין,
געלאכט האט מען: „מיט אונז צוזאמען
וועסט געהן אין וועג אריין!“

ער האט דאס לעצטע דאן פערלארען—
דאס איז געוועזן דער סוף!—
דאס ל א נ ד, וואו ער'ט אזוי פיעל יאהרען
גערעדט פון טרייסט און שטראף;—

וואו ער'ט געזעהן זיין פאלק געפענטעט
און אין דער פרעמד געפיהרט,

וואו ער'ט געזעהן גאט'ס הויז געשענדעט,
פערברענט און צוראבירט;—

וואו צווישען חורבות און רואינען
דער עבר האט געשוועבט,
און וואו די לעצטע רוה געפינען
האט ער אצינד געשטרעבט...

געבויגען, שטום איז נאכגעגאנגען
דער נביא דעם המון,
צום לעבענס־סוף געפיהרט געפאנגען—
זיין לעצטער לעבענס־לוין!

יונה

(באַלאַדע)

1

ס׳לויפען שיפען צווישען ריפען
אין דעם גרויסען ים דעם טיפען,
אין א ים פון שוים.
ס׳קאכען כוואליעס... ווייס איז אלעס,
ס׳איז פערשפרייט פון שוים א טלית
ווייט איבער דעם תהום.

2

און אויף איינעם א געמיינעם,
אויף א שיפעלע א קליינעם
לויפט א מענש פון גאט.
ער האט מורא פאר דעם בורא
און ער וויל ניט מעהר זיין תורה—
וויל ניט זיין געבאט.

3

„ס׳פלאץ דערקענט ווער? זאגט, איהר זענט ווער
דא געוועזען? באַטסמאַן, ענטפער!..“—

איינער גיט א פרעג.
וואסער־טורמען רוישען, שטורמען,
שטום—דער באטסמאן, ס׳שווייגט דער שטורמאן,
אין דעם שווייגען—שרעק...

4

און די פאהרער ווערען קלארער
ווי דער מצב איז דער וואהרער׳
פיהלען די געפאהר.
און פערביטערט, און ערשיטערט
זעהען צו, ווי ס׳שיפעל ציטערט.
„העלף אונז, העלף, אישטאר!"

5

און זיי בעטען: „גרויסע געטין!
א, עשתרת, טו אונז רעטען!
שיין אונז בעל זבוב!"
אלע קניען, וועה־געשריהען
און געוויינען אויבען פליהען—
יעדער האט זיין רוף.

6

און נאר איינער, ועמען קיינער

ווייס ניט–שווייגט ער, ליגט אליין ער,
ווײנט ניט, בעט ניט גאט.
„לאנדסמאן, דאוועןן! זאל א האָפען
ווי עס איז דיין גאט אונז שאפען,
ברענגען צו א שטאט!..״

7

ס׳זידט דאס וואסער... און דער נאסער,
אלטער באטסמאן ווערט אלץ בלאסער...
„אלע קומט אהער!
הערט! די געטער פון דעם וועטער!..
זיינען בייז... ניטא קיין רעטער!..
ווער איז שולדיג–ווער?

7

„זאגט דעם אמת, גיט א רמז,
וועמעס שולד – דער זינד איז וועמעס?
ס׳געהט צו גרונד דאס שיף!
ווער וועט צייגען?״–אלע שווייגען,
און די כוואליעס העכער שטייגען,
און דאס שיף זינקט טיף.

9

„זאגט געשווינדער!.. זוכט דעם זינדער!..

לא׳מיר גורל ווארפען, קינדער!
נו, אויף וועמען פאלט?"
– א, אט איז ער!–דיעזער! דיזער!–
„קען איהם ווער? פון וואנענט איז ער?
מענש, דערצעהל אונז באלד!

10

„זעה דעם וויכער... איך בין זיכער
ס׳איז דיין שולד... נוא זאג זשע גיכער!"
– ווער איך בין? א איד!
צו אנטרינען, גאט ניט דינען
דאס האב איך געהאט אין זינען,
נאר אומזיסט... כ׳בין מיד...

11

– כ׳בין א טרוימער... ווארפט אין תהום מיר!
דאן וועט ווערען אייך געררוימער–
איהר וועט רעטען זיך...–
אלע שטומען, כוואליעס ברומען...
„טרייבט צום לאנד מיר וועלען קומען!
נו, מיין שיפעל, קריך!"

12

ס׳שיפעל שלאגט זיך, ווארפט זיך, טראגט זיך...

— א, אומזיסט, אומזיסט איהר פלאגט זיך,
נוצלאז אייער פיין!..—
ס'ווערט אלין ווילדער דער געפילדער...
— א, מיין גאט איז ניט קיין מילדער,—
ווארפט מיך שנעל אריין!—

13

„דיין עבירה... ס'איז א גזירה...
מיר—מיר האבען ניט קיין ברירה,"—
זאגט דער באטסמאן שטיל.—
„אלע סיידען דארפען ליידען
ווען מען קאן דעם טויט אויסמיידען?
אונז איז פרעמד דיין שפיל!.."

14

און זיי שטויסען איהם אין דרויסען,
אין דעם גי־הנום דעם גרויסען,
אין דעם תהום פון בליי.
און די ווינדען גיך פערשווינדען,
און די ריפען בלייבען הינטען,
די געפאהר—פארביי!

15

אין דעם קיהלען, אין דעם שטילען

גרויסען ים די כוואליעס שפּילען...
זינדער, וואו ביסטו?
עס איז שווער איהם... צווישען ווערים
ביי דעם פיש אין די געדערים...
זינדער, תשובה טו!

16

און אין ענגשאַפט, אין געפענגשאפט
צו דער פרייער וועלט מיט בענקשאַפט
שטרעבט ער, טרוימט אין שלאָף.
— גאָט, מיין רעטער,—פיינליך בעט ער,—
גיב דיין פקודה, גיב דיין היתר...
העלף מיר ביז׳ן סוף! —

17

ס׳שמערצט און קרענקט איהם... פּלוצלונג ברענגט איהם
צוא ברעג דער פיש און שענקט איהם—
שענקט איהם פרייהייט דאָרט.
און א מידער פאַלט ער נידער—
נעבען יפו איז ער ווידער,
אויפ׳ן אלטען אָרט.

18

ווידער הערט ער יענע ווערטער:

„געה אין נגוה!“ — פאלגען שווערט ער.
פאלגען? יא... ער וועט...
אלץ איז אויפ׳ן אלטען אופן
ס׳איז ניטא וואוהין צו לויפען...
און ער געהט און רעדט...

דער אסאסין*)

1

געבונדען הענד און פיס, צום וואנד געשמידט
ליגט אַלי אויף דער ערד אין תפיסה־קעלער.
און שטיל איז ארום איהם—קיין קול, קיין טריט,
און בלייך ווערט דא דער זונען־שטראל דער העלער.

2

און איהם איז שווער... קיין כח איז ניטא...
און אלי ווייס—זיין לעבען איז גע׳פּטר׳ט...
עס קומט די צייט... עס קומט די לעצטע שעה...
אה, ווי זייא האבען גרויזאם איהם געמאטערט!

3

דאן הערט ער טריט, ער הערט א שטילען קול:
—בלייב רוהיג, אלי, שווייג און האב ניט מורא!—
ער שוידערט אויף און ענטפערט מיטאמאל:
„דיין קנעכט בעגריסט דיך, חאסאן על האמיירי!“

---

*) די טעראריסטיש-רעליגיעזע סעקטע פון די אַסאַסינער איז געווען געגרינדעט צום סוף פון XI יאהרהונדערט פון א פיליזאפישען סקעפטיקער און אוואנטוריסט—האַסאַן-איל-האַמיירי. די „פעדאַיוי“ (טרייע) האבען געגלויבט אין זייער שייך, ווי אין א געטליך וועזען.

4

און א דערוויש געבויגען איבער אוהם
שטעהט שטיל. און פון זיין בליק פליסט מאכט און צויבער.
—שווייג!—רופט ער אויס מיט א געדריקטע שטים,—
און אלי קוקט מיט אויגען פון א גלויבער.

5

זיין הארץ איז פול מיט שמחה און מיט שרעק,
און עפעס שטאמעלט ער, און עפעס בעט ער:
„איך שטארב, א, חאַסאַן, כ׳פיהל—עס קומט מיין עק...
א, דו—וואס דו ביסט שטארקער פון די געטער!

6

געדענקסט איראַק, דעם קאַנט, וואו אַלאַמוט—
דיין „אדלער־נעסט”-העננט איבער בערג און טאלען?
געדענקסט, א, שייך, די רייד:—אויב דו האסט מוט
און געהסט נאך מיר—וועל איך דיר גוט בעצאלען?

7

האסט איבער מיר די פליגלען דאן פערשפרייט,
געפליהן מיט מיר, געבראכט מיך צום גן־עדן.
א, גוט איז דארט!.. און אלץ האט מיך געפרעהט—
געזאנג, מוזיק, די פרויען און די קווייטען...

8

„און דו האסט מיך צוריק געשיקט אויף דר'ערד,
צוריק געשליידערט אין דעם וויסטען גי־הנום,
און אין די הענד געגעבען מיר א שווערד,
געהייסען מיר—שטעך דעם און הרג'ע יענעם!

9

„געזאגט האסטו:—פערבאטען איז דער ארט,
און ווער ס'איז פרעמד—דער טאר ניט ווילען דארטען!
נאר מיר, דיין קנעכט, האסטו געשענקט דיין ווארט
צוריק, צוריק מיך נעהמען אין דעם גארטען!

10

„דיין ווארט האב איך געהאלטען פאר א דין...
אצינד איז צייט... גענוג שוין זאגען־שפעטער!
איך שטארב, א, חאַסאַן!.. נעהם זשע מיך אהין!..
א, דו—וואס דו ביסט שטארקער פון די געטער!

11

„ניט מאך מיך לעבעדיג, א, שייך,—ניט מאך!..
גענוג! איך וויל אהין... אין דעם גן־עדן...״
און חאַסאַן האט א שמייכעל געטון שוואך
און שארף געקוקט אויף איהם אין זיינע ליידען.

12

אין אַלי'ס האַרץ איז טיף אריין זיין בליק...
ער איז שוין ד א ר ט–ער פילט זיך פרישער, יונגער,
זיין פנים שטראַלט מיט שמחה און מיט גליק...
און חאַסאַן קניעט... שטיל ציהן זיך צוואַנגען־פינגער...

13

און בלייך שטעהט חאַסאַן נעבען אַלי'ס גוף,
א ווילדער שרעק אין זיינע ווילדע אויגען.
ער לאַכט און זאָגט:–געפאַלגט האָסטו מיין רוף,
א פייל ביסטו געווען, און איך–א בויגען.

14

ביסט גוט געשטאָרבען, אַלי, גרינג און גיך,
נאר שלעכט האָסטו געלעבט, און שווער, און אָרים.
און איך–דער האַר, דער הויפּט, דער פיהרער–איך–
איך לעב, ווי גאָט–כ'וועל שטאַרבען, ווי א וואָרים!..

אישטאַר און אַלאַט־ערעשקיגאַל

(לויט'ן בּבלישען עפּאָס)

„א, ליבער ווי אלע איז ער מיר געוועזען—
דער פאסטוך דער יונגער, דער צארטער חמד...
א, שעהנער ווי תּמוז—דאס מענשליבע וועזען!—
איך האב א געליבטען אזא ניט געהאט.

„איך האב ניט געהאט און איך וועל מעהר ניט האבען,
דער רגע פון גליק איז געוועזען נאר א גאסט...
דער קערפער דער טויטער!.. איך וועל איהם בעגראבען
טיף־טיף אין מיין הארצען—אנ'אייביגע לאסט...

„די אויגען—זיי וועלען שוין קיינמאל ניט שפּילען,
קיין פייער, קיין ציטער אין בראנזעווען לייב;
ער זעהט ניט, ער ווייס ניט, ער קאן מיך ניט פיהלען,
ער זוכט קיין געליבטע, ער דארף נישט קיין ווייב...

„חמד, מיין געטרייער! אויך דו ביסט פערשוואונדען...
אויך דיך האט געטריבט יענער שווארצער שאַקאַל,
אין תהום דיך געווארפען, מיט טויט־שטריק געבונדען...
א, גרויזאם איז אַלאַט, דאס ווייב פון נרגל!..

„געליבט האב איך פאסטוכער יונגע און יעגער,
געליבט האב איך געטער, און העלדען, און קנעכט—
איך האב מיט די שעהנסטע געטיילט מיין געלעגער,
איך האב מיט די שטארקסטע פערבראכט מיינע נעכט...

„א, געטין פון גי־הנום, שווארץ איז דיין ווילען,
האסט אלע געליבטע גערויבט פון מיין שויס...
א, פינסטערע אַלאַט, קאנסט קיינמאל ניט שטילען
דיין בייזע נשמה... דיין שׂנאה איז גרויס...

„דאך בלייבען זיי מיינע, די אלע קרבנות,
וואס דו האסט בגנבה פערשלעפט אין דיין שלאס—
געטויט פון מיין ליבע, וואס וויס קיין רחמנות,
פערברענט פון מיין תאוה, וואס האט ניט קיין מאס.

„מיין הארץ איז א פלאקער, מיין לייב איז א פייער,
מיין ליבע איז שארף, ווי דער בלאנק פון מיין שווערד,
און הויך איז דער פרייז פאר מיין ליבע, און טייער
פאר געטער פון הימעל, פאר קינדער פון ערד.

„אפילו מיין תמוז—אויך ער האט געליטען,
אויך ער האט פערוועלקט פון מיין זודיגען ברען,
דער העלד גִילְגַאמֶש האט מיך פיינדליך געמידען—
מיין ליבע פאר איהם איז א מורא געווען.

„זיי זיינען פערלוירען—די מעכטיגע קרינער,
וואס איך האב געצערטעלט, וואס איך האב געליבט,
די קעמפער בערימטע, די הערשער, די זיגער—
מיט פאדים פון טויט איז מיין ליבע געקניפט!

„בין איך ניט די געטין פון פרוכט און פון לעבען?
די געטין פון קאמף, פון נצחון, פון לוסט?
איך וויל זיי ניט שענקען און דיר איבערגעבען—
די יענע, וואס איך האב געדריקט צו מיין ברוסט!

„איך וויל דיר ניט שענקען, א, אַלאַט, די יונגען...
איך לאַך פון דיין כעס, איך שפאט פון דיין מאכט!..
מיין האנד איז געהויבען, מיין שווערד האט געקלונען—
א, אַלאַט־עֶרעֶשְקִיגאַל, גרייט זיך צום שלאכט!

„אלמעכטיגער אַנו! דו, גאט פון די געטער!
בין איך ניט דיין טאכטער—בין איך ניט אישטאַר?..
אָ, זעה—ער איז טויט און עס קומט ניט קיין רעטער
צו שענקען איהם לעבען, צו שטילען מיין צער...

„חַמַר, מיין געליבטער, מיין שעהנער, מיין צארטער!—
פאר דיר מיין נקמה, פאר דיר איז מיין קריג!
איך געה אינ'ם תהום, וואו דו ליגסט א פערשפארטער—
פון דארט וועלען ביידע מיר קומען צוריק...”

אישטאר איז אראפ אינ׳ם טונקעלען אונטען
אין אירקאַלאַ׳ס וואוינונג, אין פינסטערען הויז,
אהין, וואו עס ווערען די טויטע פערשוואונדען,
פון וואנען מען קומט שוין קיינמאל ניט ארויס.

אין לאנד פון די גייסטער אראפ איז די געטין,
אין תהום אהן א שיין, אהן אנ׳אפגלאנץ פון ליכט,
א וועג אהן אנ׳אומקעהר די פיס איהרע טרעטען,
א וועג, וואו דער חושך איז רוי און געדיכט;

וואו אלץ איז מיט ליים און מיט ע־דשטויב בעשאטען,
וואו ס׳ווערט אהן אנ׳אפקלאנג דערשטיקט יעדער קלונג,
וואו ערדשטויב און ליים איז די שפייז פון דעם שאטען,
זיין איינציגעם עסען, זיין איינציגער טרונק.

דא זיצען זיי—קויטיגע, שווארצע—און שווייגען,
בעפליגעלט, בעפעדערט, פערשטומט און פערטויבט,—
ווי זעלטענע פויגלאך אין איינזאמע שטייגען,
פערזאומריינט פון ליים און פון ערדשטויב פערשטויבט.

אישטאַר איז געקומען צום טויער צום הארטען,
וואס פיהרט אין דעם שלאס פון דער געטין פון טויט—
„הוי, עפען מיר, שומר, און לאז מיך ניט ווארטען,
און מיין ניט—דיין טויער איז זיכער געבויט!

„אויב דו ווּעסט ניט איילען—צוברעך איך די טירען,
צושמעטער די אייזענס, די באלקענס צוּוואַרף!..
די טויטע בעפרייען, צום לעבען זיי פיהרען
דאס וויל איך... זעה, שומר, מיין שווערד—ער איז שאַרף!..

„זיי וועלען פערלאָזען די הוילען די טריבע,
און עסען, און לעבען... איך זאָג דיר—ס'איז וואַהר!
איך זאָג דאס—די געטין פון לעבען און ליבע,
די טאַכטער פון אַנוּ, די גרויסע אישטאַר!

„און ס'וועלען די היגע אין צאָל איבערשטייגען
די קינדער פון אויבען, די זין פון דער ערד...“
אַוועק איז דער שומר צו אַלאַט אין שווייגען,
דאס ווארט פון זיין האַרין געהאָרכזאַם געהערט.

„געה—עפען איהר, שומר, געה—עפען די טירען,
און טו, וואס עס פאַדערט דער אַלטער געזעץ!..“
עס האָבען גענומען די אייזענס זיך ריהרען,
און שטיל איז געפאַלען פון ריגלען די נעץ.

ער עפענט א טויער, ער עפענט א צווייטען,
ער עפענט איהר אַלע אַזוי, נאַכאַנאַנד
ביי יעטווידען טויער—זי מוז זיך צושיידען
מיט עפּעס א צירונג, מיט עפּעס א באַנד.

די קרוין און די אוירינגלאך קאן זי ניט רעטען,
זי גיט אפּ דעם האלזבאנד, די שילדען פון ברוסט,
דעם טייערען גארטעל, די פיינע בראסלעטען,
דעם טוך פון די לענדען—די לענדען פון גלוסט.

זי קאן זיך ניט וועהרען, זי קאן זיך ניט שפּארען,
איהר מוט איז פּע־שוואונדען, איהר קראפט איז ניטא.
„וואס רויבט איהר פון מיר אלע קליידער?"—„מיין הארין!
דאָרט האסטו געזעצען, אויך מיר האבען דא!"

אזוי איז זי דורך אלע טירען—די זיבען,
וואס פיהרען צום שלאס פון דער געטין פון טויט,
און נאקעט, און הילפלאז איז זי דארט געבליבען—
פאר פחד א ווייסע, פאר שאנד איז זי רויט.

און אלאט הייסט רופען איהר דינער נאמטאר'ן,
און זאגט איהם: „נאמטאר, געה—נעם זי צו מיר,
אין מיינע פאלאצען זאלסטו זי פערשפארען
און זעכציג חולאת'ן שיקען אויף איהר:

„אנ'אויגען־קרענק שיק איהר—זיי זאלען ניט קוקען
די אויגען, וואס שפּיגלען די שיין פון דער זון;
מאך קרעציג דעם ווייסען, דעם זיידענעם רוקען,
די הענד איהרע—קראפטלאז—זיי זאלען ניט טון;

„פערגליווער דאס הארץ איהר׳ס, וואס שלאגט אזוי היציג,
פערטריקען די בויגיגע, רייצענדע פיס;
מאך שווארץ איהרע ציין—ווייל זיי בלאנקען נאך בליציג,
און קאנען נאך קריצען און נעסטען א ביס...״

אישטאַר איז געפאנגען, די ליבע פערלוירען—
און קאלט איז געווארען דאס לעבען פון ערד,
ס׳האט קיינער געהייראט, ס׳האט קיינער געבוירען,
עס האט זיך קיין שרץ געפרוכט און געמעהרט.

דער אקס האט זיך מעהר אום דער קוה ניט געקימערט,
דער בחור איז קאלט צו דעם מיידעל געווען;
דאס לעבען האט לאנגווייליג, טונקעל געשימערט—
א לעבען אהן פונקען, אהן גליה, אהן א ברען...

פערזארגט זיינען דעמאלסט די געטער געווארען:
גאט עֶאַ, דער האַר פון די תהומות פון ים,
און סין—פון לבנה, דער הערשער פון האָרן,
און שַמַש, דער האר פון דעם זוניגען פלאם.

זיי האבען פערנומען די ערדישע קלאגען,
זיי האבען געהייסען בעפרייען אישטאַר,—
און אַלאַט האט זיך אין די לענדען געשלאגען,
געביסען די פינגער פאר כעס און צער,

געקריצט מיט די ציין, ווי א הונגעריגע וואלפין,
פערווינשט און פערשאלטען מיט קללות פון העל
דעם הימעלס־שליח... ס'האט קיין זאך געהאלפען—
געמוזט האט זי הארכען דעם הויכען בעפעהל.

„מיט וואסער פון לעבען בעשפריצט זי, און שיקט זי,
פערטרייבט זי, א, שקלאפען, פון לאנד, וואו איך וואוין!"
געהיילט איז אישטאַר, און צוריק אלעס קריגט זי:
דעם לענדען־טוך פריהער, צום לעצטען — די קרוין.

א פלייץ האט געגעבען א כוואליע פון לעבען,
צוגאנגען, ווי פאַרע, ד' טויטליכע רוה,—
אישטאר איז געקומען! — און ווידער שוין שטרעבען
דער בחור צום מיידעל, דער אקס צו דער קוה...

אליין איז געקומען די ליכטיגע געטין
פון לאנד פון די טויטע, פון פינסטערען הויז,
אהן יענעם, וואס איהם איז געגאנגען זי רעטען—
פון אירקאַלאַ'ס וואוינונג ווערט קיינער ניט לויז...

א, מענשען־קינד, וויים: אין די תהומות די טריבע
ווערט יעדער, וואס קומט דארט, אויף אייביג פערשיקט—
אישטאר נאר, די געטין פון לעבען און ליבע,
וועט קיינמאל פון אַלאַט ניט זיין בעזיגט!

בעמערקונגען צו „אישטאַר און אַלאַט־ערעשקיגאַל“.

א) אַנו — גאט פון הימעל. ב) נֶרְגַל-אירקאַלאַ — גאט פון גיהנום, מאן פון אַלאַט-ערעשקיגאַל. ג) אַלאַט — געטין פון גיהנום. ד) אישטאַר-עשתרת — געטין פונ׳ם געשלעכטליכען לעבען, פון מלחמה און אנד. ה) תמוז — גאט פון דער מיטען-זומער-נאַטור, וואס הייבט אן צו פערוועלקען אונטער דער ברענדיגער זון. ו) גילגאַמעש — האלב גאט, העלד, פראטאטיפ פונ׳ם גריכישען הערַאקלעס.

לירישעם

כ׳האב דיך בענגענט אומגעריכט,
געלעבט א שעה צוזאמען.
כ׳האב האלד געקרגאען דיין געזיכט,
דיין קאלטקייט און דיין פלאמען.
האסט מיך געליבט א גאנצע נאכט,
האסט ניט געוואלט זיך שיידען...
און ציניש האט דער טאג געלאכט,
געשפאטעט פון אונז ביידען...

א דינינקע, א בלייכינקע
מיט הימעל־בלויע אויגען,
מיט הענד—אזעלכע ווייכינקע!
צום דריקען און צום בויגען!
דער בליק—ווי א פערשלאפענער,
פערשטאטענט און נאַאיוו,
און, דאך, א קינדיש־אפענער—
א ניט געשריבען בריעף.
דארט הינטער דער פערשאטענטקייט—
ווער וויים וואס ליגט פערבארגען:
א מלאך פון גנראטענקייט
אהן פעהלער און אהן זארגען?
א שד אנ'איינגעגעסענער
א קנעכט, וואס זוכט א הער,
א קוויטעל א פערגעסענער—
ווער קאן דאס טרעפען—ווער?

זי איז געווען, ווי מוטער־ערד,
איהר קערפער פריש און לוסטיג
און ארום איהר האט זיך געמעהרט
דער מענער־עולם גלוסטיג!

זי'ז יעדען מאן געווען א ווייב
און יעדען מאן—א כלה,
און פון איהר לעבענס־פולען לייב
גענאסען האבען אלע.

ווי מוטער־ערד האט מען אויך איהר
דערנאך מיט מיסט פערשאטען,
בעשמוצט, פערמאומריינט אהן א שיער
און מיט די פיס געטראטען...

די גליטשיגע װעגען

די גליטשיגע װעגען—עס מײדען זײ אױס
גאטספירכטיגע יודישע טעכטער.
לײכטזיניגע זוכען זײ, שטרעבען צו זײ
און גליטשען זיך מיט א געלעכטער.

זײ װײסען ניט, טראכטען ניט פון דער געפאהר
געשטרויכעלט צו װערען און פאלען.
און, אפשר, זײ װײסען און טראכטען פון דעם—
װי גרעזלאך פון זונ׳ס העלע שטראלען.

נאר דו—דו ביסט אנדערש װי יענע און די,
דיך שרעקען ניט גליטשיגע װעגען.
נאר גליטשען זיך—גליטשסטו זיך אויך ניט קײנמאל,
פעסט טרעטסטו, דו געהסט בײ די ברעגען.

דו געהסט און בעמערקסט ניט דעם שײנענדען אײז,
װאס גלאנצט צװישען ברודיגע שטײנער.
דו געהסט נעבען גליטש און דו װארפסט ניט קײן בליק,
און, אפשר, דו װארפסט—װײס דאס קײנער...

מיידעל־קאפ

כ׳זעה א מיידעל־קאפ
מיט א לאנגען צאפ,
רינגלאך־רינגלאך האר
פליסען שטיל אראפ.

און דער שטראם צופאלט
אין צוויי שטרעמעלאך,
און עם גלאנצען שווארץ
שווארצע קעמעלאך.

ס׳פנים זעה איך ניט
כ׳זעה דעם נאקען נאר,
כ׳זעה די רינגעלאך
ווייכע, געלע האר.

מיידעל, קעהר זיך אום!
מיידעל, כ׳רוף צו דיר,
כ׳וויל דיין פנים זעהן—
קעהר זיך אום צו מיר!

און זי דרעהט זיך אוים,
שמייכעלט צו מיט חן...
אָה, צוריק דעם קאפ!
ניין, מען דארף ניט... ניין!

פריהלינג

די נאסקייט און קעלט איז פערשוואומען,
אראפ פון די הימלען דער בלוי,
דער פריהלינג איז ווידער געקומען
און אלץ הייבט זיך אן פון דאס ניי.

פון ס'ניי זינגען לוסטיג די פויגלאך,
פון ס'ניי ווערט די וועלט מאדנע ברייט,
און אויגעלאך—שיינענדע אויגלאך
פון ס'ניי שענקען טרויער און פרייד.

שטיל מורמלען צו מיר פרישע גראזען,
די בלימעלאך לאכען מיך אויס,—
מיין מיידעלע האט מיך פערלאזען,
מיט יענעמ'ס־יאהר־פריהלינג איז אויס.

פערוועלקט האט דער שפראצלינג דער צארטער,
פערוועלקט און געבליבען אהן בליהט,
גערויבט האט דער ווינטער דער הארטער
דאס בלימעל, וואס איך האב געהיט.

די פליגעלאך הודיען און זשומען:
„מיט יענעמ'ס־יאהר־פריהלינג איז אויס,

ניטא פאראַיאָהריגע בלומען,
ס'איז טויט פאראַיאָהריגע רויז...

„דיין מיידעלע לויפט נאך א צווייטען,
דעם צווייטענס א בליק איז איהר פיין"...
און איך זוך שוין אנדערע קווייטען,
און איך טרינק שוין אנדערען וויין!

דאס פאריגע יאהר איז פערשוואומען,
דער פאריגער פריהלינג פארביי.
פון ס'ניי איז דער פריהלינג געקומען
און אלץ הייבט זיך אן פון דאס ניי!

דאס שיפעל

אין ים איז א שיפעל געפאהרען
דאס שיף האט אנ׳אוצר געפיהרט,
דאס גליק מיינס, וואס וואס איך האב פערלארען,
וואס יעדערער שטענדיג פערלירט.

דאס שיפעל, וואס פאהרט, איז מיין נעכטען...
כ׳וועל מעהר שוין ניט הערען איהר שטים,
די זיידענע הערלעך ניט פלעכטען...
צוריק, אה, צוריק, שיפעל, שווים!

נאר ס׳שיפעל געהט ווייטער און ווייטער,
אין טונקעלען נעפעל פערשווינדט...
ניט טרויער! זעה, ס׳קומט שוין דער מארגען,
ער ברענגט דיר א שעהנערעס קינד...

פון וועגען איהרע שעהנע אויגען
וואלט איך נאך איהר אין העל געפלויגען—
ווען זייער שוימיג פונקען־ליד
וואלט ניט געשמידט מיין יעדעס גליד.

פון איהרע שעהנע אויגען וועגען
וואלט איך ביי איהרע פיס געלעגען—
ווען זייער ציטריג פיבער־שפיל
וואלט מיך געלאזען ליגען שטיל.

פאר איהר׳ס א בליק, געטונקט אין בענקען
וואלט איך מיין זעל דעם טייוועל שענקען—
ווען ער, ווי איך, זאל זיין צומישט
און בייטען גאלדען־שטויב אויף נישט.

צו...

איך האב ליב דיין האלז דעם ווייסען,
איך האב ליב זיין שטאלצען הויב,
זיינע בויגען, זיינע קרייזען—
איך האב ליב דיך, גאלדען־שטויב.

שעהן איז גאלד, דער קאלטער ברודער
פון דעם הייסען גאט פון טאג—
ניט צום ערשטען טרייבט מיין רודער,
ניט צום צווייטען יאגט זיין שלאג.

גאלדען־שטויב און זונען־פונקען—
פון דער אייביגקייט א רויב—
איהר האט, איהר האט מיך בעטרונקען—
איך האב ליב מיין גאלדען־שטויב!

איך האב ליב די טריט די פיינע—
דיינע טריט, דיין ציה, דיין גאנג,
איך האב ליב, וואס דו ביסט מיינע...
היי, בלייב שטיל, מיין לויב־געזאנג!

וואנדער־פויגלאך

וואנדער־פויגלאך! וואנדער־פויגלאך!..
פריהלינג גערט פון זיד צו נארד!..
אייך ציהן אויף די זומער־לענדער
און די נעסטען—ווייט־ווייט, דארט...

גרויסע טעג און הייסע שטראלען,
פייכטע אויגען, נייע שיין...
וואנדער־פויגלאך! איך וואלט ווען,
גלייך מיט אייך—אין וועג אריין!

וואנדער־פויגלאך! אייער פריהלינג
איז א פריהלינג אויך פאר מיר,—
ווען איך האב אליין קיין פליגלען
שיק איך פליהן מיין וואנדער־שיר.

(פון נ. מאָראָזאָוו)

ווען כ׳זיץ מיר אליין ביי מיין לאמפ אין דעם צימער
און קוק אויף דעם טונקעלען פלאמען פון נאפט,
דאן דוכט זיך מיר עפעס פון גייסטער א שימער,
און ס׳מאָלט זיך א בילד פון פארצייטען מיט קראפט.

טיעף, טיעף אין דעם עבר די טרוימען פערגעהען
און וועלטען פון וואונדער שטעהען אויף, ווי פון טויט,
עס ציהן זיך פון פייער, אין וואָרטלאזע רייהען,
געוויקסען און חיות משונה־געבויט.

די אלע, וואס האבען דאס לעבען געגעבען
מיין קליינינטשקען פלעמעלע, ווייזען זיך שטום.
כ׳זעה שאטענס פון ריזיגע יאשטשערקעס שוועבען,
עס שווימען לעפידאָדענדראָנעס ארום.

עס פליהט דורכ׳ן פלעמעל אנ׳איכטיאָזאַווער,
ווי נאר עס צוגליהט זיך א טייל פון זיין שטאף,
און דער מאַסטאָדאָנט נעמט דעם ארט פון זיין חבר,
און אוראלטע פיש געהן ווי סטאדעס פון שאף.

די ברואים, וואס לויכטען דא מיר פון דעם פלעמעל—
איך קוק אויף זיי רוהיג, איך פיהל ניט קיין שרעק.

זיי וועקען זיך אויף פון דעם אייביגען דרעמעל
אום איינמאל א גלאנץ טון—און ווידער אוועק...

איך וויים, עס וועט קומען—מיר וועלען פערשווינדען,
ווי זיי, אין די קאלטליכע שיכטען פון דר׳ערד.
נאר—וועט אונז, ווי יענע, דאס לעבען פערבינדען?
צי איז אונז איננאנצען ניט־ווערען בעשערט?

אין נאפט זיך פערוואנדלען? כ׳האב גאר נישט ניט קעגען.
טא זאל ער דאס מאכען—דער תהום אהן א שיין!
מיר ווילען דעם נאכט־ים, וואס האט ניט קיין ברעגען,
בעלויכטען—די זין זאלען דאנקבאר אונז זיין!

דער לאַבענדער פילאסאף

1

ס'איז טונקעל־שטיל. ווי שאטענס—די געשטאלטען,
וואס קוקען שטום, וואס געהן פון זאל צו זאל.
די זאלען־הויך, און דאך, ווי פערבאהאלטען,
און הוילען־גייסטער שוועבען איבעראל.

2

איך געה פערביי די קונציג־שעהנע בילדער.
איך וויים ניט ווען און ווער האט זיי געמאכט.
איך זעה א שטרייט, א טומעל און געפילדער,
גאט'ס שאפונגס־קאמף, דעם טייוועלשען רעוואלט.

3

און ווייטער זעה איך—מאדנע נאכט־חלומות
און טרוימען איינזאמע אין זייער צויבעריי,
און אינזלען זעלטענע, און ווייטע מקומות,
וואו אלץ שווייגט שטרענג און בייז... איך געה פארביי...

4

איך געה פערביי. ס'איז אלץ ניט גאנץ דאס לעבען.
ניטא דער מענש—דעם נעפעל פהעלט א שיין.

איך זוך דעם האר, וואס נעמען קאן און געבען,
איך זוך דעם קנעכט, וואס וויל א הערשער זיין.

5

און אין א ווינקעל—בילדער אלטע, גרינע.
און ב י י ד ע ן אייך האב איך געזעהען דארט...
דו, שעהנער מאן, מיט ליפען שטרעננע, דינע,
דיין שטערען—הויך און ברייט—דיין ווייסע בארד.

6

א שטאלצע מנוחה שטעקט אין דיינע בליקען,
דיין וועג איז גלייך, און אפען דיין געזיכט,
דו ווייסט דיין קראפט, ועסט זיך ניט לאזען דריקען,
דו ווייסט דיין רעכט און ווארפסט ניט אפ דאס פליכט.

7

און אט איז ע ר! ווי מיאוס און פערדארבען!
זיין שטערען—שמאל, דאס פנים—ווי פערקרימט,
די אוגען טרויריג—אויגען פון א קרבן:
ער זינקט אין תהום, ער טרינקט זיך און ער שווימט.

8

ער איז א זכער... אייביג אומצופרידען,
ער ווייס קיין יוגענד און ער ווערט ניט אלט,

ער קאן ניט רוהען, די געדאנקען שמידען,
ער זוכט און צווייפעלט, הייבט זיך אויף און פאלט...

9

און דו? ביסט אויך דא? שאטענדיג־פערצויגען
דאס אלטע בילד, עס זעהן זיך קוים ארויס
די שמייכלענדע, די טייוועל־קלוגע אויגען—
זיי ציהען צו און געבען באלד א שטויס.

10

איך קען דיך, דריטער! כ'קען די אלטע שטריכען,
זיי מעגען זיין ווי טונקעל און פערשטעלט.
דורך דיינע ליפען, זעה איך, ווי עס קריכען
געהיימע שמייכלאך—פון אנ'אנדער וועלט...

און לאנג בין איך ביי יענעם בילד געבליבען.
ווער האט דאס איהם—ווער האט איהם דא געבראכט?
„דער לאבענדער פילאסאף"—שטעהט געשריבען,
דעם קאמף און זוכען זעהט ער—און ער לאכט!..

צו די קלאגעדיגע

ווען דער טאג איז ברייט און ליכטיג,
ווען דער הימעל איז א בלויער
מיט א טיעפער־טיעפער בלויקייט—
זאל איך זינגען אייך פון טרויער?

ווען די זון איז העל און הערליך,
ווען דאס לעבען רוישט און זשומעט,
קאכט און רודערט, פול מיט כח,—
זאל איך זינגען אייך פון אומעט?

זאל איך קלאג־לידעלאך זינגען,
ווען ס'איז אלץ מיט שיין פערגאסען,
ווען איך בין פון פרייד פער'שכור'ט—
פון דעם לעבענס־ווין געגאסען?

איהר וואלט וועלען הערען קרעכצען,
איהר וואלט וועלען זיפצען הערען,
שטיל־דערשטיקטע וועה־געשרייען?
א, איך וויים, איהר בענקט נאך טרערען;

א „געהיימען טרויער" זוכט איהר...
כ'וויס איך בלאסע, דארע, קווארע!
האט איהר הימלען ווען געזעהען –
רײנע הימלען, אהן א כמארע?

איהר פער'שכור'טע פון טרערען,
איהר, וואס מיינט, אז איהר זייד ניכטער—
ניט צו אייך ווענד איך די לידער,
ניט פאר אייך בין איך א דיכטער!

אוואנטיוריסטען.

דער אוואנטיוריסט.

דו וואונדערסט מיך. ווי ווייסטו די געפיהלען
פון דעם, וואס זוכט, וואס האט א רווישענד הארץ?
ווי קומט צו דיר? דו קאנסט דען עפעס פיהלען?
איז ניט דיין לעבען גרוי—אהן וויים, אהן שווארץ?

פון וואנען נעמען זיך צו דיר די פארבען
צו מאלען די, וואס פליהען בארג־אראפּ,
וואס ברעכען דורך די ווענד מיט זייער שארבען,
וואס זיינען גרייט ריזקירען מיט דעם קאפּ?

צי האסטו ווען געפּרובט מיט גוואלד געווינען
און איינשפאנען, און האלטען פעסט דאס גליק,
און צווינגען דאס, עס זאל דיך שקלאפּיש דינען,
און דו זאלסט אפען פייערען דיין זיג?

צי האט זיך דיר געמאכט פון העכסטען אויבען
אראפּזינקען און פאלען טיף אין תהום,
און ליגען דארט, אהן כחות און אהן גלויבען,
און קוקען רק צום שפּיץ, וואס זעהט זיך קוים?

און אויפשטעהן שפעטער מיט דעם אלטען ווילען
דאס שפיל צו טרייבען, שטעלען זיך אין קאָן,
און דאן... אמאל... דעם לעצטען קאָן פערשפּילען
און פאלען, זאגענדיג: „כ'האב מיינס געטאן״?

ד ע ר פ א ע ט.

די זעלבע שלעסער ברעכען מיר און בויען.
איין וועג ביי אונז–מיר פאהרען אין איין פוהר.
די האנד, מיין פריינד! כ'וועל דיר א סוד פערטרויען:
וויס–י ע ד ע ס ל י ד מ י י נ ס א י ז א נ'א ו ו א נ ט י ו ר.

צוויי מדינות.

עס האט מיך עמיצער געפיהרט
איבער דעם לעבענ׳ס טיעפסטע גריבער.
„וואס זעהסטו דא?״—האט ער געפרעגט.
און איך האב עפעס באלד דערשפירט—
א קאמף, א פיין, אנ׳ארבייטס־פיבער,
נאר אלץ האט פינסטערניש פערדעקט

איך האב געזאגט: „איך הער א רעש,
נאר זעהען קאן איך ניט ארום מיר.״
און מיר האט ער געענטפערט: „וויס,
דער חושך קומט פון רויך און אש,
דא געהט די ארבייט—ווינטער, זומער,
און אייביג... ס׳איז דאס לאנד פון שוויס!

ער איז געפליהן מיט מיר פון דארט
ארויף, ארויף... ס׳האט לאנג געדויערט...
„וואס זעהסטו דא?״—האט ער געפרעגט.
איך האב געזעהן א וואונדער־ארט
מיט שלעסער לופטיגע געמויערט
מיט הימלען ליכטיגע בעדעקט.

איך האב גערעדט: „דא וויל איך זיין,
מיך ציהט דאס ליכט, די גרינע גרעזלאך,
א, זאג, ס'איז ניט דאס לאנד פון טרוים?"
„א, מענש, האסט רעכט! פון שוויס—דער שיין,
פון בלוט און שוויס—די צויבער־בלעזלאך,
דו ביסט אין לאנד פון לעבענס־שוים.

דאס שוים־לאנד דעקט דאס לאנד פון שוויס,
ס'לעבט יעדער מענש איןביידע מדינות,
זיי שמידט צונויף דער לעבענס־רינג...
דער דראנג צו שוים איז אייביג הייס,
ווייל שוים איז גליק... פערכאפ, געווין עס
און, ביז דו קאנסט, דאס שוים־ליד זינג!"

דערנאָך וועט זיין עפּעס,
דערנאָך וועט זיין גאָרנישט,
פון שפּעטער צו טראַכטען
מען דאַרף נישט מען טאָר נישט:

אין מדבר.

1

דאס בוך פון מדבר נעם און עפען,
און קוק, און, אפשר, וועסטו זעהן:
ניט אליך, וואס טרעפט זיך קען זיך טרעפען,
ניט אליִנס טרעפט זיך, וואס עס קען...

2

... מיר האבען בלאנדשענדיג גערדעמעלט,
גערענקסט, אין יענעם בלומען־טאל...
... ווי רייך בין איך געוועזען יעמאלט—
און ווי פעראריִמט—מיטאמאל!

3

און דאן בין איך אהער פערגאנגען
און דא געשטעמפעלט מענשען־טריט...
מיט גרויע אויגען האבען שלאנגען
פון פעלזען־שפאלטען מיך געהיט.

4

און קינדער האבען דארט געכליפעט,
א פרוי האט וואהנזיניג געלאכט,

און הינד—געבילט און בייז געכריפעט—
דו ליבסט שאַקאַלען ביי דער נאכט?

5

געשפּאַסט האב איך און זיי געמונטערט,
געוואלט דערגעהן—וואוהין איך געה?
ווי לאנג?—א שעה צי א יאהרהונדערט?
אומזיסט האב איך געפרעגט ביי זיי.

6

און פּלוצלונג—דעקלאַז־שווארצע גרונדען!
איך האב אריינגעקוקט אהן שרעק
אין תהום, וואס איז געעפענט אונטען...
איז דאס די ענדע פון מיין וועג?

7

מיך האט דאס טיפעניש געצווינגען,
איך האב צום אפגרונד זיך געבוקט,
און מעהר, און ווייטער זיך געבויגען,
און נעהנטער, נעהנטער זיך גערוקט.

8

... ער איז פון הינטען מיך בעפאלען...
ווי זודיג איז זיין שארפער בים!

דו ווייסט, ווי ערד און הימלען פאלען?!
ס'איז נאר מיין גליטש, מיין ווילדער ריס...

9

ס'האט אויף א פעלז מיין פוס געטראפען,
איך האב זיך אויסגעדרעהט צוריק,
איך האלט זיך פעסט... איך קאן נאך האפען,
איך לעב! כ'בין גאנץ!.. מיר שפּילט דאס גליק!

10

איך האב מיט איין האנד זיך געהאלטען
און מיט דער אנדערער געוועהרט,
און זיך געשפארט צום פעלז צום קאלטען,
און מיט די ציין געדריקט די ערד.

11

א, וויפיעל פרייד קאן ס'לעבען געבען!
א, וויפיעל כח אין מיין ברוסט!
נאר זיין! נאר עטעמען! נאר לעבען!..
איך האב פון מידקייט ניט געוואוסט.

12

אין זיינע וואסערדיגע בליקען
האט א נצחון־פונק געגלאנצט.

און עפּעס נאך... ער האט געשוויגען,
און נאר זיין עק האט שטיל געטאנצט.

13

ער האט, אהן רייד, גענומען לויבען
מיין שטארקען ווילען, מיין פערשטאנד...
איך האָם זיין קוק! איך האב זיך אויבען
א ריס געגעבען, בלאס פאַר שאנד.

14

און קראפּטלאז ליג איך אויף די שטיינער.
וואו ביסטו, שלאנג? אנטלויף אויף ניך,
איך בין קיין רויב פאר דיינע ציינער—
איך בין דיין שרעק, דיין פּיין בין איך!..

15

דער בים! א, וועה... איך האב פערגעסען...
זעה, שווארץ, געשוואלען ווערט מיין פוס.
דו ווארטסט? האסט לאנג שוין ניט געגעסען?
איך היינט בעגנוג זיך מיט א גרוס.

16

א לייכטער רוק... ס'איז גרינג זיך ווארפען...
מיין שלאנג?! ער לויפט... כא־כא... כ'בעמערק

זיין בליק דעם יאַש'דיגען, שאַרפען...
איך שייד זיך רוהיג מיט די בערג.

17

צו וואס?.. איך בלייב! איך וועל דעם ביסען
ביי דיר ניט רייסען פון די ציין,
און, מעג די די ווערים ווי פערדריסען,
דו וועסט מיך אויפפרעסען אליין.

די אפגרונדען

(געווידמעט י. ה. ברענער)

עס קומט א צייט, ווען דו פערלירסט
  דעם זין פון אלע זאכען—
דו ווילסט ניט געהן, דו ווילסט ניט טון,
  דו ווילסט ניט וויינען, לאכען.
עס קומט א צייט, ווען דו פערגעסט
  די אנהייבען, די סופ'ען,
ווען ווארטען האסטו ניט אויף וואס,
  און קאמיש ווערט דאס האָפען
דו ווייסט ניט שוין, דו ווייסט ניט נאך
  די סבות און די צוועקען,
א פוסטער שטח ארום דיר
  אהן גרעניצען, אהן עקען.
עס קומט א צייט, ווען דו פערלירסט
  דעם ווילען עפעס וועלען,
ווען זיך אליין, דו זוכסט מיט גוואלד,
  פון זיך אליין פערשטעלען.
און נוצלאז בלאנדשעט דער געדאנק
  אין דעם פערוויסטען שארבען—

א בלינדער זומפ־ווארים, וואס לעבט
אהן זונען־ליכט, אהן פארבען.
ווען דאס קומט אן–דאן רוק זיך אפ
אוןווארט, און ווארט געדולדיג.
דו ווייסט אלין: ניטא „פארוואס",
און קיינער איז ניט שולדיג;
דו ווייסט דאך, צייטווייליג איז אלץ
אין אונזער ערד־נסיעה–
די פרייד, דער טרויער, שוואכקייט, קראפט,
די רייפקייט און די זריעה.
אין עבר שווימען זיי אוועק
די לעכער און די גריבער.
אונז טראגט די צייט פאראויס, פאראויס,
און זיי–זיי בלייבען איבער.
נאר אויב דער אפגרונד געהט דיר נאך,
די האפסט ניט צו אנטרינען,
דער צייט־שטראם שטופט איהם גלייך מיט דיר
און דו–דו מוזט איהם דינען;–
דו קאנסט ניט אפרייסען דיין אויג
פון זיינע שווארצע גרונדען,
פון יענעם ענדלאזען „אראפ",
וואס האט קיין דעק, קיין אונטען;–

דו ביסט בעהערשט, פערשקלאפט פון תהום,
דו פיהלסט איהם תמיד נעבען,—
דאן ווייס: ס'איז ניט דאס איינציג רינג—
ביסט גלייך א קנעכט פון לעבען.
דו ווייסט דעם גרויסען לעבענס־יא,
דו קאנסט איהם ניט פערניינען,
דו קאנסט דאס ניט—דו ווייסט אליין!—
רק גוסס'ען און וויינען.
דו ווייסט פון כעס און פון וועה,
דו ווייסט די פרייד פון שאפען,
און לאכען קאנסטו, און דו האסט
די הארען און די שקלאפען.
דו שטעהסט פון תהום בעהערשט, און געהסט
געשמידט צום לעבענס־וואגען,
דיין „איינס"—צוצווייט, די „צוויי"—פעראיינט
און גראב צונויפגעשלאגען.

אויך דאס, דו ווייסט, וועט געהן פארביי—
די צייט איז אלעם גובר—
און אין דיין חושך, אויף דיין ליכט
ווארט אלץ דער זעלבער קבר.

פון גרוב

היי, געדענקסטו יענע רייד,
יענע ווערטער און געבעטען?
היי, געדענקסטו יענע פרייד—
יענע פיין, וואס פלענט אונז גלעטען?

איך און דו... אה, קורץ די צייט!
ראשער לעבען, ליבען שנעלער!
דרעה זיך גיכער, מוטער־ערד,
זון, ברען שטארקער, שיין אונז העלער!

איך און דו... אה, איך און דו!
הייסע נעכט און טעג פון נעפעל...
קינד, זיי זאגען ס'איז א זינד—
ס'איז א שאנד צו רייסען עפעל...

רייס אהן מורא! רייס—און עס!
טייל אין צווייען יעדען ביסען.
היי, געדענקסטו, זאג, געדענקסט?—
איך האב אויך מיט דיר געריסען!

היי, געדענקסטו?... ס'איז געווען...
אדער גארנישט ניט געוועזען?

הײ, געדעקנסט?.. נאר קאַן די גרוב
עפּעם פרעגען, עפּעם לעזען?

הײ געדענקסטו... װאָס איז צײַט?
קורץ–דאָס לעבען! לאַנג–די װײַלע!
נײן, עס קאַן קײן ענטפער זײַן!
נײן, עס דאַרף ניט זײַן קײן שאלה!

ליג אַהן רוהע, ליג אַהן זאָרג,
איך, װי דו, װעל מעהר ניט דאגה'ן...
הײ, די װאָװילע, שװאַרצע גרוב–
אַלע מײַלער מאַכט זי שװײַגען!

איהר, װאָס טרינקט נאָך–מישט דעם װײַן!
טרינקט דעם גוטען, טרינקט דעם שלעכטען...
הײ, געדענקט איהר אונזער כוס?
אײער הײַנט איז אונזער נעכטען...

מיניאטיורען

I

כוואַליע איין, כוואַליע אויס

זיי זיינען געגאַנגען מיט אַ גאַנצער חברה, אַ יונגער און אַ לעבעדיגער. מען האָט אַ סך געלאַכט און געשפּילט. מען איז אַרומגעלאָפען און געיאָגט זיך איינע נאָך די אַנדערע. ס'איז געווען פרעהליך און טומלדיג.

זיי האָבען זיך די גאַנצע צייט געהאַלטען אינאיינעם, גליקליכע און פערליבטע. צווישען זיי זיינען נאָך קיינע ווערטער ניט געזאָגט געוואָרען—ס'איז נאָך ניט נויטיג געווען צו רעדען. זייערע פייכטע, שיינענדיגע אויגען האָבען כסדר געזוכט איינע די אַנדערע, געפונען און ווידער געזוכט, און דאָס איז געווען גענוג. ווען זיי האָבען זיך איבערגעקוקט האָבען זיי פערגעסען אָן אַלץ אַרום... אַפילו די שמייכלענדיגע ליפען פון זייערע מיטגעהער האָבען זיי ניט בעמערקט און צו זייערע ווינקענדיגע בליקען זיינען זיי געבליבען בלינד.

ער האָט זיך גערייצט מיט איהר:

— דער נעכטיגער אראבער, וואס איז מיט אונז געפאהרען פון בית־לחם—איהר ווייסט, וואס ער האט מיר פארגעלעגט?

זי האט געקוקט מיט פרעגענדיגע אויגען. איהרע ליפען האבען זיך א ריהר געטון, גרייטע צו לאכען. זי האט כסדר געלאכט יענעם טאג.

ער האט דערצעהלט מיט א קאמישער ערנסטקייט:

— ער האט מיר אנגעבאטען פאר אייך פופציג נאפאָלעאָנס... ער וויל אייך אפקויפען...

זי איז געוועזן אויפגעבראכט.

— ווי האט ער דאס געקאנט?!.. דער שווארצער טייוועל!

און זי האט זיך אויסגעצויגען און א ציטער געטון, פיהלענדיג זיך אין די אונפערזוכטע, שרעקליכע און ליידענשאפטליכע א־עמס פון דעם אראבער.

מיט דעם זעלבינען ערנסט האט ער געענדיגט:

— מיך האט אויך אויפגערעגט זיין חוצפה... איך האב זיך געדונגען וויפיעל איך האב נאר געקאנט. הונדערט ליריס, האב איך געזאגט, ניט א פּאַרע ווענינער! און ער האט זיך איינגעשפארט אויף זעכציג—און גע טו איהם וואס...

— איהר זייט נאך ערגער פאר איהם... א, איצטער קען איך אייך! איך וועל אייך בעווייזען ווי מען פערקויפט מיך!

מיט א שטיפערישען כעס האט זי זיך געווארפען איהם שלאגען. ער האט זיך שוואך געוועהרט. זייערע הענד האבען

זיך איבערגעפלאכטען און לאנג אזוי פערהאלטען זיך. זיי זיינען ביידע געוועז גלייך אויפגערעגט און פרעהליך. זיי האבען זיך געשפילט ווי קינדער, און אזוי ווי קינדער זיינען זיי געוועז פערטון אין זייער שפיל.

צוריקוועגס האבען זיי זיך אפגעטיילט פון דער חברה. ער איינער איז געגאנגען בעגלייטען זי. ביים שוועל פון איהר טיר האט ער זיך אפגעשטעלט 'אין א ספק.

זי האט איהם שטיל איינגעלאדען:

— קומט אריין!

אצונד זיינען זיי געבליבען אין צווייען. די וועגד פון דער שטוב האבען זיי אפגעטיילט און פערדעקט פון דער גאס. ס'זיינען מעהר ניט געוועז קיין פרעמדע אויגען, קיין שמייכלאך, קיין פיעלזאגענדיגע וואונקען. זיי זיינען געוועז אליין און פריי. און דאן איז אין זייערע בעציהונגען פלוצלונג אריין עפעס א אונזיכערקייט, אנ'אנגעשטרענגטקייט. זיי האבען געוואלט און, צוגלייך, מורא געהאט איבערצוטרעטען די גרעניצען. ער האט מעהר געוואלט און זי האט מעהר מורא געהאט—און ביידע האבען זיך געפיהלט אונבעקוועם, כמעט אונבעהאלפען...

איצטער איז זי געוועז אנ'אנדערע, גאר ניט די ווי בעת'ן שפאציר. איהרע בעוועגונגען זיינען געווארען איינגעהאלטענע, פארזיכטיגע. זי האט געקוקט אויף איהם ערנסט און אביסעל אומרוהיג. זי איז געוועז אויפ'ן וואך.

— ווילט איהר טיי?

ער האט זיך אפגעזאגט.

— נו, וועלען מיר עפעס לייענען.

זי האט איהם דערלאנגט א ביכעל און ער האט, ניט־ווילענדיג, גענומען לייענען. אלע ווײלע האט ער זיך אפגעשטעלט און איבערגעזאגט די זעלביגע ווערטער. ער האט ניט פערשטאנען, וואס ער זאגט.

זי איז געזעסען נאהענט, אבער עטוואס אפגערוקט. איהרע הענד, נאקעטע ביז די עלענבויגענס, זיינען געלעגען אויפ'ן טיש. זיי זיינען געווען פולע, ווייכע און קיילעכדיגע, ווי די הענד פון א קינד. זיי זיינען געווען אזוי חנ'עוודיג...

ער האט מיט פערדראס אפגעווארפען פון זיך דאס בוך.

— מען דארף ניט לייענען!

זי האט געקוקט אויף איהם פערדעכטיג.

— און וואס װעלען מיר טון?

ער האט גלעטענדיג צוגעדעקט איהר האנד מיט זיינער, און לאנגזאם, אבער שטייף, מיט א בעשלוס, האט זי איהר האנד פון אונטער זיינער ארויסגעצוינען. זי האט ביידע הענד אראפ־גענומען פון טיש. און באלד האט זי אנגעהויבען רעדען פון עפעס זייטיגס, פון זאכען, וואס זיינען זיי ביידען גאר ווייניג אנגעגאנ־גען. ניט־ווילענדיג האט ער געענטפערט איהר. און אזוי האבען זיי זיך לאנג איבערגעווארפען מיט קאלטע, אוננויטיגע ווערטער,

שטעלסט ארויס אפען די טונקעלע פלעקען אויף דיין נאקעטען לייב.

„איך האב דיך ליב, ווייל דו ביסט דרייסט–דרייסט אנט־קעגען זייער ציטעריגקייט —

„איך האב דיך ליב, ווייל דו ביסט גרויס–גרויס אנטקעגען זייער קליינליכקייט —

איך האב דיך ליב ווייל דו ביסט די קעניגין!"

„דו האסט רעכט, אידיאט–ד ע ר פ א ר, אפשר האסטו רעכט!"

איך האב זי גערופען און זי איז געגאנגען מיט מיר. זי האט מיך בעגלייט ביז אהיים. און ווען איך בין א מידער גע־פאלען אויף מיין געלעגער האט זי זיך דורכ'ן פענסטער צו מיר אין צימער אריינגעגליטשט...